# ידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 30 גראשען

## היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 154 | Łódź, Piątek, 29 czerwca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ט"ז תמוז תרצ"ד | № 151

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

בית הכנסת „אהל יעקב"
18 גדאנסקא 18
מחר, בשבת פ' בלק (30/6) תערך תפלה והזכרה לנשמת נשיאנו ומנהיגנו
ר' בנימין זאב ב"ר יעקב
ד"ר הרצל ז"ל
לרגלי יום-הזכרון השלשים שחל ביום ג' שבוע הבא. נאום-הזכרה ישא מטיף ביהכנ"ס העורך מר א. לובושיצקי. הקהל מתבקש לבוא. התחלת התפלה בחצי העשירית בבוקר.
הועד.

Chłodnia - Dancing
„ALHAMBRA"
אין ווישניאווע-גורע
ביי ראפאפארטס פענסיאנאט
„ZDROWIA"
אינהאבער פרידוואלד
צו קאנסומירען
לאדעס, טעע, קאווע א. ז. וו.

פאראנקעס,
פפליק'ן
און דאנסינג

ס'ווערט בעקאנט געמאכט, אז נאך ווישניאווא-גורא איז די וואך געקומען אויף זומער-וואוינונג דער
טאמאשאווער רבי שליט"א
און ער וואוינט אין דער ווילא גאלדא

פאר גאלד,
בריליאנטען
ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

Dr
Wajnberg
ספעצ. פון לונגען, הארץ און טקלעראז-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 9—8 אוו.

Dr. med.
K. Fiszman
ארדינירט פון 21/6 ד. י.
אין קאלומנע
לודזקא 1 (רוג פאלאצאווע)
און נעמט אן פון 10—12 און פון 4—6 נאכמ.

בריליאנטען, גאלד,
זילבער, פערשיד. ביזשוטעריע, לאמבארד-קוויטעס קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען
Magazyn jubilerski M. H. Lissak, Piotrkoska 5

מזל-טוב!
א הארציגען מז"ט ווינשען מיר אונזער ליבען שוואגער
משה אמזעל און פרוי
צו דער חתונה פון זייער ליבע טאכטער פרל.
מאניא אמזעל מיט ה' בערל ברויטמאן
און דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען.
וואלף פלאמיאק און פרוי.

הארציקן פאר-געזונד
און א גליקליכע רייזע ווינשען מיר אונזער ליבע קוזינקע פר"ל
פאלא קראקויער
צו איהר אפפאהרען קיין פאלעסטינע.
פאמיליע רייך

דעם יונגען פאר
געניא קאהאן
מיט ה' בעניא פארזשוצקי
צו זייער חתונה גראטולירען הערצליך און ווינשען פיל גליק
A. Ogórek z Rodziną.

לאדז! — ווארשא! — לאדז!
האלא, לאדזער ידען!
ווען איהר פאהרט קיין ווארשא און איהר ווילט פארברענגען עטליכע אנגענעהמע שעה'ן אין דער געזעלשאפט פון ליטעראטען, זשורנאליסטען, ארטיסטען קינסטלער, — דאן געדענקט: געהט אין
באר „צענטראל" לעשנא 2
(אינה. איזאק גערטנער).
טרעטמער און אייגענער יודישער באר-רעסטאראן אין ווארשא פון דער ידישער אינטעליגענץ און סוחרים-וועלט; געשמאקהאפטע שפייזען צו די ביליגסטע פרייזען.
געשמאקע מיטאגען צו 1.50 זל.
און אווענט-ברויט יעדן אוונט קאנצערט און דאנסינג מיט א ערשטקלאסיגען דזשאז-ארקעסטער קאבארעט-פראגראם מיט אנטייל פון די בעסטע פוילישע און ידישע ארטיסטען. איר פאהרט קיין ווארשא? BAR „CENTRAL". LESZNA 2 געדענקט: נערטנער בעסטע טראמוויי-פארבינדונג. לעשנא 2 איז נעבען די גאסען: דזשמערסקא, פשעיאזד, טלאמאצקע, נאלעווקא.

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאכען מיר בעקאנט אלע אונזערע מיטגלידער אז דער קליינהענדלער-פאראיין אויף דער שטאט לאדז, פיעטריקאווער 6 האט זיך
איבערגעטראגען אויף
פלאץ וואלנאשטשי 3
(פרייהייטס-פלאץ) אין הויף 2-טען שטאק רעכטער איינגאנג. דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 6—10 אווענד. פון זונטאג, דעם 1/VII אין נייעם לאקאל. די פערוואלטונג.

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען, מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אומפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גראספאטער שוואגער און אנקעל
נ"ע פנחס וועלניארזש
בן ר' זאב ז"ל
אין עלטער פון 72 יאהר
די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, ד. 29 יוני ד. י. 12 בייטאג פון טרויער-הויז נאוואמיעסקא 29 וועגן וואס עס טיילן מיט אין גרויס צער די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

יובל-נומער
— פון —
„נייעם פאלקסבלאט"
ערשיינט דעם 6-טען יולי ה. י.
אין א ספעציעל-פערגרעסערטער אויפלאגע און וועט ענטהאלטען עטליכע צעהנדליג זייטען מיט א פילזייטיגען, אינהאלטסרייכען און אינטערעסאנטען מאטעריאל.
דער אנאנסען-טייל
וועט רעפרעזענטירען די גרעסטע לאדזער האנדעלס- און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען.
אנאנסען צו דעם דאזיגען גרויסען יובל-נומער ווערען נאך אנגענומען.

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז || פילהארמאניע-זאל נארוטאוויטשא 20
דינסטאג, כ' תמוז, דעם 3-טען יולי, 8.30 אווענד, קומט פאר א גרויסע
הערצל-אקאדעמיע
צום 30-טען יאהרצייט פון פערשטארבענעם פיהרער
מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען:
ד"ר י. שיפער (הא-שא), דעפ. ד"ר ראזענבלאט, רעד. אוגער, משה לימאן
איינגאנגס-בילעטען פון 30 גר. ביז 1.50 זל. שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא, שרודמיעסקא 29 און אין טאג פון דער אקאדעמיע ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

אנו מביעים בזה את תודתנו החמה לכל אלה, שהשתתפו בהלויה למנוחם עלמים של אבינו, חותנו, זקננו
נ"ע הלל אלטרמן
תודה מאהדה למר ד"ר מ. ברודא, לש"ע בוניובסקי, לועד של ביהכ"נ (ברחוב אל. קושטשושקי) לחברת „חסד של אמת" וכו גם למקהלת בית-הכנסת עם המנצח ה' דרגושיינסקי בראש
המשפחה.

## פיניעלע מזיק
### גיט לשון



הערץ יאטן, כ'על עבק אנזוגן א בסירע עס עס עבק נישט שמעקן. כאמער איבערגילייגט, אז כ'בעדארף אבעט צו פורן אף אורלאפ. זאגין אליינט, דאס איז מאן נישומע א ראזשינקע? אנדערע ווילקער פענטאקיס מעגן פורן אף אורלאפ און איך ניש! אנדערע פענטאקעס מעגן זיך סמאזשען אף דער זון, און איך ניש? בו אב איך אגימאכט אז איך פוהר אבעט.

כעב עבק זוגן די רייבע ניוואהיט, אז ס'עט מיך זאן שטאריק פשיקרע צי פארלאזן ס'שמולע געסל. באר כ'מיז פורן. צמיינט עפטשער, אז כ'אניש קא אפעטיט צים עסען? אויב צמיינט אזוי איז עס א טועס. כאב יא אפעטיט, כאב באר ניש צום אפעטיט. ווי אזוי קען איך עסן, אז אלץ כמאליעו אראן די ווילקער. ווער פרעסט אף די סטאניקעס? — די ווילקער! ווער שנייפט אראן ס'ביסעל טרושקאפקיס, די יאגדעס און די שנעבעלעך? — די ווילקער! ווער זאפט אפ די סמעטענע מיט די זאערמילך? — די ווילקער! ווער טרינקט זיך וואסער מיט סאק? — די ווילקער! ווער פרעסט אפ די גאנצע ליאדעס? — די ווילקער! איך וואלט אעך גיגאנט אפעטיט צי גיטע זאכן, באר וואס קומט ארויס, אז די ווילקער פרעסער'ס האקן אלץ אראו!

אז איך על פורן אף אורלאפ, על איך אבעט שין צי דער זאך. אי, פין וואנען על איך הובן געלט דערויף? — בארישקייטן! און די ווילקער אבו דען יא געלט? די אנע אבעט ס'גידוכעס. איבער כאפט באם צוויטן. מ'שטעלט אעך וואקסן, און אז ס'קומט צום בעצולן, דרייען זיי זיך אוועק דעם קאשיק און זוגן: — קיש מיר!.. נו קישט איבער דעם אנדערן — אזוי לעבט מען און ווילקע!..

ווי איך פוער? דוס קען איך באך ניש זוגן. ס'איז א סאד, איך על עבק שראבן א בריוול, עם עך עבק דערווייסן.

זאלן מיר אלע גיזינט און שטאריק, איך פור אף אורלאפ!

---

### צו כורע

— ווי האבען זי זיך בעסטען געבאוויעט אין טעאטער?

— ווי אזוי האב איך מיך געקענט באווייזען, אז צו פויזע האט געדויערט איינגאנצען 10 מינוט.

### אנ'איידעלער מענש

רב (צו א יוד א ביגאמיסט): שייגאיץ איינער! ווי פאלסטו אויס חתונה צו האבען מיט פיר ווייבער?

יוד: וואס זאל איך טון? איך האב אזא איידעלע נאטור, און איך קען קיין פרוי נישט אפזאגען.

---

## אביסעל גרעזעכץ

— פאניע ווייגטרויב, טרעפט אין וועלכע אויער סיקל בנט מיר.

— אין רעכטען אויער.

— דאס איז נישט קיין קונץ, איהר האט אונטערגעהערט — האט פאמערצאנץ געענטפערט.

### דעם אנגעקלאגטענס לעצטע ווארט

ריכטער איהר ווערט פערמשפט אויף 4 יאהר תפיסה און אויף 8 יאהר בעזייטיגט צו ווערען פון לאנד.

אנגעקלאגטער: — פאניע סעדזשע, וואלט איך נישט געקענט צו ערשט אפקומען די צווייטע שטראף?

### ביי יעדער ציהונג געווינט ער

ערשטער: ס'איז שוין ווידער געווען א ציהונג, און כ'האב שוין ווידער פערשפילט.

צווייטער: און ביי מיר איז גראד פערקעהרט, יעדע ציהונג ברענגט מיר געלד.

ערשטער: אזא גליק האט איהר?

צווייטער: ניין, איך בין א דענטיסט.

### היינטיגע איידעמ'ס

— וואס איז אייער איידעם?

— ער האט א באנקראטען.

— וואס הייסט?

— איי פאניאטאוסקי פארק, און וואס איז מיט אייער איידעם?

— מייבער איז אנ'אפצעגער.

— דהיינו?

— ער ציהט מיך אפ פון קאפ ביז פיס.

ש. רעלעס.

### אויסגעזארגטע

— וואס הערט זיך ביי אייך מכוח פרנסה?

— נישט קשה. מיט עלעו זאגען מיר פערזארגט.

— דהיינו?

— מיין ווייב עסט מיך, און איך עס מיין ווייב — אט אזוי נעמען מיר בייידע.

רעלעס.

### היינט נישט!

מוטער: קינדער, היינט מז'ט איהר זיין געשטשטע, ווייל דער טאטע האט א געשוואלענע האנד און וועט אייך היינט נישט קענען קאטעווען!

### ווער ס'געווינט

אויף דער פייפערובקע האבען מיר אונטערגעהערט אזא געשפרעך:

— איך האב 3 טייז.

— און איך האב א רעוואלווער.

— אויב אזוי האסט דו געווינען...

### דעם ים ביי זיך איז שטוב

— איהר פאהרט הייאהר צום ים?

— צו וואס, איך האב דאך דאס אייגענע אין דער היים.

— ווי אזוי?

— כ'האב אנ'אפפלוס פון געלד, און א צופלוס פון פראטעסטען.

---

## אויף א באנק
### שבת נאכמיטאג אין פארק

ער: ענטשולדיגען זי, ס'דאכט זיך מיר, אז כ'האב שוין איהנס פנים ערגעץ וואו געזעהן.

זי: אויסגעשלאסען! איך טראג אייביג דאס פנים אויף דעם זעלבען ארט.

---

### דער שאפער איז נישט שולדיג
#### אין געריכט

ריכטער: איהר ווערט פערקלאגט, אז איהר זענט איבערגעפאהרען דעם יוד.

שאפער: דער ריכטער ווייס נישט, אז יודען גייען אויבן אין וועג אריין?

ש. רעלעס.

---

### ביי אנ'אויפגעקומענעם גביר

מאן: זעה באר סאלטשע, פון וואנען האסט די אזעלכע שמוציגע העמד?

פרוי: ער, כ'האב מיר אנגעוואשען ס'פנים!

---

### אויף אורלויב

— וואו פאהרט הייאהר איהנס זיהן?

— אין א סקויטען־לאגער.

— און איהנס מאן?

— מסתמא, אין אינוואלאציע־לאגער.

---

### אריין און ארויס

א בעקאנטער היגער ליך האט אויסגערעכנט אז ס'קען גיכער אריין א דינער איידער ס'קאן ארויס א געווינס אויף דער לאטעריע.

---

### צווישען יונגע ווייבלעך

ערשטע: מיין מאן שבארכט אזוי שטארק ביים שלאפען אז פון אונזער חתונה אן האב איך נאך קיין אויג נישט צוגעמאכט.

צווייטע: דאס איז טאקע זעהר א שלעכטע זאך! איך האב ביי מאן אפגעוואוינט זעראן פאר דער חתונה.

---

### אין געריכט

ריכטער (צו א פרוי אנ'עדות): ווי אלט זענט איהר?

עדות: (קוקט זיך ארום אין אלע זייטען).

ריכטער: וואס קוקט איהר זיך עפעס אזוי ארום?

עדות: צי ס'זיצט נישט דא אמאל א בעקאנטער...

---

### צווישען מענער

— דו ווייסט, איך האלט מיין פרוי פאר א מלאך!

— דו ווייסט, וואס איך וועל דיר זאגען? איך וואלט מייגע אויך געוואלט שיקען אין הימעל אריין!...

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 151
פרייטאג, דעם 29 יוני 1934

„וויגאר־נע" פל־עצער



פאר די יודישע ראטמענער אין ענדעקישען שטאטראט

